# זכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויצא תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 460



בני אמונים

מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון

מוהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל

נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### צוליב כבוד התפילה פעלט אויס א באזונדערע נסיעה

**"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה; וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ" (כח י-יא)**

דער 'מקום' וואס יעקב האט באגעגנט און דארט געגעכטיגט איז געווען הר המוריה - דער מקום המקדש (חולין צא ב). אבער פון דער פסוק "וַיֵּלֶךְ חָרָנָה" זעט אויס אז יעקב איז שוין אנגעקומען קיין חרן, אויב אזוי וויאזוי האט ער ווידער זיך באגעגנט מיטן הר המוריה? ערקלערן די חכמים (שם) אז דערנאך וואס יעקב איז אנגעקומען קיין חרן, האט ער געזאגט: "אפשר עברתי על מקום שהתפללו אבותי, ואני לא התפללתי?" און באלד ווען ער האט באשלאסן צוריק גיין 'קפצה לו הארץ' און איז אנגעקומען צו הר המוריה.

אבער מען דארף פארשטיין, פארוואס נאר נאכן אנקומען קיין חרן האט ער באשלאסן צוריק גיין און דאווענען אויפן הר המוריה, און האט נישט געדאווענט לכתחילה אריבערגייענדיג דארט?

ערקלערט דער **מהר"ל מפראג**: אויפן וועג פון זיין פאטער'ס הויז קיין חרן איז יעקב געווען אין א פחד, אנטלויפנדיג פון זיין ברודער עשו וואס האט אים געוואלט הרג'ענען, און האט נישט געקענט אינזין האבן ביים דאווענען ווי עס דארף צו זיין. נאר דערנאך וואס ער איז אנגעקומען קיין חרן און האט זיך איבערגעצייגט אז עשו לויפט אים נישט נאך, האט ער זיך בארואיגט און געקענט צוריק קערן און דאווענען אויפן פלאץ ווי זיינע אבות האבן געדאווענט.

נאך ערקלערט דער **'חידושי הרי"מ'** פארוואס יעקב האט נישט געדאווענט אריבערגייענדיג הר המוריה אויפן וועג קיין חרן, ווייל אויף א תפילה אין א פלאץ וואס די אבות האבן געדאווענט דארף מען מקדיש זיין א באזונדערע נסיעה, און נישט בדרך אגב. אין ספר **'שיח שרפי קודש'** לייגט ער צו אז די הנהגה איז געווען א שטארקער יסוד ביי די גדולי החסידים נישט גיין צו א רבי ווען עס האט זיך געמאכט אז זיי זענען געווען אין די געגנט פון זייער רבי'ן, נאר באשטימען א באזונדערע נסיעה זיך מסתופף זיין בצל קדשו.

'גור אריה'; 'שיח שרפי קודש' ח"ג אות קסב

### דער אונטערשייד פון די תפילה פון יצחק צו די תפילה פון יעקב

**"וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל וַיֹּאמֶר הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנֹכִי אֲשֶׁר מָנַע מִמֵּךְ פְּרִי בָטֶן" (ל ב)**

רש"י ערקלערט (ע"פ ב"ר עא ז) אז רחל האט געפאדערט פון יעקב ער זאל איינרייסן אויף איר זי זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער, אזוי ווי זיין פאטער יצחק האט איינגעריסן אויף זיין מאמע רבקה (לעיל כה כא וברש"י שם). אבער יעקב האט איר געענטפערט: "... אֲשֶׁר מָנַע מִמֵּךְ פְּרִי בָטֶן", ער האט געמיינט צו זאגן מיט דעם: מיין טאטע האט אין יענע צייט אינגאנצן נישט געהאט קיין קינדער וועגן האט ער געדאווענט און געבעטן, אבער איך האב שוין זוכה געווען צו קינדער, און נאר דו האסט נישט זוכה געווען צו דעם.

די מפרשים זענען מאריך אין די ענין, לכאורה קען מען נישט פארשטיין בפשטות; צי ווייל ער איז געהאלפן געווארן מיט קינדער וועט יעקב אפווארפן די געבעט פון רחל און זיך אנטזאגן פון צו בעטן אויף איר?

ערקלערט **רבי משה גלאנטי** דער ערשטער וואס ווערט גערופן 'ראשון לציון':

די חכמים זאגן (יבמות סד א) "מפני מה היו אבותינו עקורים? מפני שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים". און דאס האט יעקב געענטפערט פאר רחל: מיין פאטער יצחק זייענדיג אזוי ווי מיין מאמע וואס האט נישט געהאט קינדער, האט פארשטאנען אז פון הימל גלוסט מען אויף זיין תפילה און וועגן דעם האט ער געדאווענט און איז געהאלפן געווארן. אבער איך בין דאך שוין געהאלפן געווארן, קומט אויס אז הקב"ה גלוסט שוין נישט צו מיין תפילה, נאר צו דיין תפילה - ווייל דו ביזסט נישט געהלאפן געווארן. און אויב איך וועל דאווענען פאר דיר וועל איך טון אנדערשט פון די רצון ה' וואס ווארט אויף דיין תפילה, און נישט נאר אז עס וועט נישט אנגענומען ווערן, נאר איך וועל אים חלילה דערצערענען מיט דעם.

דער **'כתב סופר'** ערקלערט די טענה פון יעקב צו רחל אויף א אנדערע וועג:

די חכמים (ב"ק צב א) זאגן: "המבקש רחמים על חברו והוא צריך לאותו דבר - הוא נענה תחילה". די יסוד פון די סגולה איז ווייל דער מענטש ווייזט אויף אז ער אליין איז מקבל גזירת ה' באהבה, ווייל ער דאווענט נישט אויף זיך, נאר אויף זיין חבר וואס זיין ווייטאג באוירט אים, און וועגן דעם ווערט זיין תפילה אנגענומען. אויך מיין פאטער יצחק האט זוכה געווען אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן ווייל טראץ ער איז געווען א עקר האט ער מקבל געווען אויף זיך גזירת ה', און האט נישט געדאווענט נאר צוליב די צער פון זיין פרוי. אבער איך וואס בין נישט א עקר, וועל איך זיך נישט קענען באנוצן מיט אט די סגולה, און ווער זאגט צו אז מיין תפילה וועט אנגענומען ווערן?!

'זבח השלמים'; 'כתב סופר'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אמן – דער שליסל פון שערי שמים

אין די פרשה פון די וואך האט אונז יעקב אנטפלעקט וואו איז די "שער השמים".

ווען יעקב האט זיך אויפגעוועקט פון זיין שלאף אין הר המוריה - מקום המקדש, האט ער זיך אנגערופן מיט באגייסטערונג: (בראשית טז, יז): "מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים".

"שער" דאס איז דער טויער וואס דארט גייען ארויף אונזערע תפילות און בקשות און ווערן אנגענומען אין הימל, אזוי ווי דער לשון פון רש"י איז: "מקום תפילה לעלות תפילתם השמימה".

עס לאזט זיך זאגן, אזוי ווי יעדער טויער האט א שליסל, אזוי אויך דער 'שער השמים' דארף האבן א "שליסל" וואס עפנט אים. ווייל אויב נישט, וואס וועט אונז העלפן וואס מיר ווייסן די פלאץ פון די תפילות אויב דער טויער איז פארשפארט, חלילה.

ענק ווילן זיכער וויסן וואס איז דער שליסל? אויף דעם שטייט קלארע ווערטער אין זוהר הקדוש (ח"ג רפה, ב), און דאס איז זיין לשון איבערגעטייטש: "ווען אידן געבן אכטונג ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, איז ווען זיי דאווענען צו הקדוש ברוך הוא אויף זייערע צרות, רופט אויס די קול אין אלע עולמות: 'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים' (ישעיה כו, ב) - אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים'".

מיר אלע זוכן סגולות און בעטן ברכות, אבער דא האבן מיר קלארע און אפענע ווערטער; מיר האבן א אפענער 'זוהר' וואס זאגט אונז: מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן כהלכה, דאס איז די שליסל וואס עפענט די 'שער השמים' וואס דורך דעם ווערן אנגענומען די תפילות!

זייענדיג אין 'שער השמים' האט יעקב אבינו געזען אין חלום: "מלאכי אלוקים עולים ויורדים בו". 'מלאך', ווי באוואוסט, איז בגימטריה 'אמן', און עס קען זיין אז די תורה האט אין דעם מרמז געווען, אז 'אמן' איז מעלה די תפילות צו די 'שער השמים' און ברענגט אראפ די שפע וואס קומט אין די זכות.

נאך וואס מיר האבן געלערנט אז 'אמן' איז די שליסל אויף קבלת התפילות, דארפן מיר פון אונזער זייט קומען פרי און ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר וואס ווערן געזאגט פארן דאווענען. דאס וועט אונז העלפן אנקומען צום דאווענען ווען מיר האבן שוין א 'בינטל שליסלעך' ווי עס איז פאסיג אויף די שערי תפילה וואס מיר ווילן שפאלטן.

אויך ווען מיר זענען משקיע אזויפיל כוחות אין די דאווענען אליין, אויב מיר וועלן זיך ערלויבן מזלזל זיין אין די שליסלעך וואס געבן איר א קיום און עפענען פאר איר די טויערן, זענען מיר ווי דער מענטש וואס האט זוכה געווען צו א פארגעשריטענע פאלאץ מיט אלע צוגעהערן, אבער ער האט נישט דעם שליסל פון דער טויער - וואס האט ער פון זיין פאלאץ?! לאמיר ענטפערן אמן, און מיר וועלן זוכה זיין!

**מיט א רוף "וזה [און דאס איז די שליסל צו די] שער השמים"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# דער טשעק איז אנגעקומען צום ריכטיגן אדרעס

ערשט ווען ר' אפרים מיט זיין ווייב האבן צוריק געלאנדעט אין ארץ הקודש האבן זיי געקענט זיך אביסל אפרוען און איבערגיין די שטורעם וואס האט זיי באטראפן אין די לעצטע צוויי וואכן. פון יענעם מאמענט ווען 'דער הימל איז אויף זיי ארויפגעפאלן' ווען דער דאקטער האט זיי געזאגט אז זייער קליינער זון איז קראנק אויף א זעלטענע קראנקהייט און מען דארף שנעל פליען קיין אמעריקע פאר א עמערדזשענסי' אפעראציע אין א ניו יארק'ער שפיטאל וואס ספעציאליזירט זיך אין די קרענק, ביז זיי האבן זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל בשלום.

די הוצאות פונעם פליען און די באהאנדלונגען און אלע שפעזן וואס זענען פארבונדן מיט אזא אפעראציע, האבן דערגרייכט צו די ריזיגע סומע פון בערך הונדערט טויזנט דאללער, אין די צייט וואס זיי האבן אפילו נישט געהאט די סומע וואס פעלט אויס צו פארן צו די לופטפעלד... אבער די בני הקהילה, צוזאמען מיט עטליכע באקאנטע און ידידים, האבן זיך צוזאמענגענומען זיי צו העלפן און האבן ארגאניזירט א עמערדזשענסי' מגבית, און בחסדי ה' איז זיי געלונגען אין א קורצער צייט צוזאמשטעלן די נויטיגע סומע.

ביי די 'קידושא רבה' וואס איז פארגעקומען אין די קומענדיגע שבת, האט ר' אפרים געדאנקט ה' יתברך פון הארצן אויף די נס פון זיין זון'ס ישועה, און פאר זיינע געטרייע שליחים, די חברי הקהלה און עסקנים וואס האבן אים געהאלפן ביז אהער, און שפעטער האט דערציילט די פארזאמלטע פון זיינע איבערלעבענישן, ווען באזונדער האט ער דערמאנט א וואונדערליכע השגחה וואס ער האט איבערגעלעבט אין אמעריקע, און אזוי האט ער דערציילט:

"בערך א האלבע שעה נאכן אנהויבן די אפעראציע, ווען מיר דאווענען פון הארצן, האט זיך מיטאמאל געעפענט די טיר פון די אפעראציע-צימער, און דער דאקטער איז ארויס מיט א געשפאנטן פנים. 'וואס איז געשען?!' - האבן מיר געפרעגט מיט שרעק, און דער דאקטער האט באלד בארואיגט: 'אלעס איז גוט, די אפעראציע גייט פאר ווי ערווארטעט, אבער עס האט זיך געמאכט א פראבלעם: ביי די אפעראציע האבן מיר אנטדעקט אז דער פראבלעם פארוואס דאס קינד איז שנעל ארייגעפירט געווארן צו די אפעראציע האט באהאלטן נאך א פראבלעם וואס האט נישט קיין שייכות צו דעם אריגינעלן פראבלעם, אבער נישט ווייניגער ערנסט. מיר קענען זיך אפגעבן מיט די נייע פראבלעם ביי די יעצטיגע אפעראציע, אבער דאס וועט פארלענגערן די אפעראציע מיט עטליכע שעות. ווילט איר מיר זאלן שוין יעצט זיך אפגעבן מיט דעם ביי די אפעראציע, אדער אין א באזונדערע אפעראציע וואס וועט דורכגעפירט ווערן ווי שנעלער דאס איז מעגליך?'

'וואס איז דער פראבלעם' - האבן מיר גלייך געענטפערט, זיכער איז בעסער אז ענק זאל זיך אפגעבן מיט די פראבלעם ביי די אפעראציע, פארוואס זאלן מיר צוברענגען פאר אונז און פאר דעם קינד נאך יסורים?!', 'אוקיי' - האט דער דאקטער געענטפערט, 'מיר זענען גרייט אבער דערפאר דארף מען צוגעבן נאך דרייסיג טויזנט דאללער...'

נאך דרייסיג טויזנט דאללער... פון וואו וועלן מיר האבן אזא גרויסע סומע אין אזא קורצע צייט און אין א פרעמדע לאנד?! אבער די טובה פון אונזער קינד וואס איז געשטאנען אקעגן אונזערע אויגן האט אונז געצוואונגען מיר זאלן צו שטימען. מיר האבן אונטערגעשריבן די נויטיגע דאקומענטן און אויף די התחייבות צו באצאלן די גאנצע סומע אין די קומענדיגע טעג.

דער דאקטער איז צוריק אריין אין די אפעראציע צימער, און מיר האבן זיך צוריק געקערט צו אונזערע תפילות ביתר שאת, ווען אויסער אונזער זארג אויף די געזונט פון אונזער זון, האבן מיר געבעטן מיט טרערן מיר זאלן קענען באקומען די סומע וואס מיר דארפן צאלן אין די באשטימטע צייט. בחסדי שמים, נאך לאנגע שעה'ן פון ווארטן, איז דער דאקטער ארויסגעקומען מיט אן אויסגעמאטערטן פנים, אבער מיט א שמייכל פון הצלחה. די אפעראציע איז אריבער מיט הצלחה מער ווי ערווארטעט.


די מאונט סייני שפיטאל אין מאנהעטן ניו יארק

אין די צייט וואס מיינע ליפן האבן געשעפטשעט א תפילה, האב איך פארלאזט דעם אפעראציע זאל ווען א גרויסער עול ליגט אויף מיינע פלייצעס, איך האב נישט געוואוסט וואו צו גיין און וואו צו אנהייבן.

איינער האט מיר אנגעוויזן אויף די הויז פון א געוויסער גביר וואס האט געוואוינט אין געגענט, 'פרוביר, אפשר וועסטו עפעס באקומען' - האט ער מיר געזאגט, און אזוי, אין די נאכמיטאג שעה'ן האב איך מיך געטראפן קלינגען אויף דעם עושר'ס הויז ווי א אומגערופענעם גאסט... פון די אנדערע זייט איז געקומען די פראגע: 'ווער איז דאס?'. איך האב באלד געענטפערט: 'א יונגערמאן פון בני ברק', און די טיר האט זיך געעפנט.

ביים אריינגאנג צו דעם אפיס פון דעם עשיר האב איך אנגעהויבן דערציילן מיין געשיכטע, אבער ער האט מיך אפגעשטעלט. 'עס פעלט נישט אויס צו פארברייטערן' - ער האט געזאגט מיט א שמייכל, ווען ער גיבט מיר א פארמאכטע קאנווערט. איך האב אים געדאנקט פון הארצן און ער האט מיך געזעגנט לחיים ולשלום.

ערשט ווען איך בין אנגעקומען אין שפיטאל, האב איך איבערגעקוקט די סומע וואס איז געשריבן אויפן טשעק... איך בין שאקירט געווארן; די סומע פון דרייסיג טויזנט דאללער איז געווען געשריבן אויפן טשעק, נישט ווייניגער און נישט מער.

איך מיט מיין פרוי האבן תיכף אויסגעבראכן אין א געוויין פון התרגשות און געדאנקט השי"ת וואס האט אונז נישט פארלאזט אויף א מינוט, אויך אין א פרעמד לאנד האט ער אונז געשיקט א וואונדערליכע ישועה וואס דורך דעם זענען מיר דא מיט אונזער געזונטן זון'.

דער צווייטער טייל פון דער "פאזל" איז ערשט יארן שפעטער פארענדיגט געווען.

אין חודש טבת תשע"ג איז נפטר געווארן אין בני ברק רבי שלום מאיר יונגערמאן זצ"ל וואס האט אויפגעשטעלט מוסדות התורה אין זכרון יעקב. א שטיק צייט נאך זיין פטירה האבן די משפחה מיטגלידער ארויסגעגעבן אן אינגעריכן קונטרס אויף זיין אנדענק, אין וועלכע עס איז באשריבן געווארן זיין געשיכטע, וואס האט אויסגעזאגט די מיסטעריע.

אין קונטרס ווערט דערציילט, אז אקעגן זיינע געוואלדיגע הצלחות צו זאמלען געלטער לטובת זיינע מוסדות, האט ער אויך געהאט אסאך אנטוישונגען און שוועריקייטן, וואס ער האט אנגענומען מיט ליבשאפט, מיט זיין ריינע אמונה אז וואס עס איז אים באשערט וועט ער באקומען.

אלס ביישפיל דערויף איז דערציילט געווארן אן אינצידענט וואס איז פארגעקומען מיט אים ווען ער האט געוויילט אין אמעריקא: אין לויף פון א לאנגע צייט האט הגרש"מ פרובירט צו בעטן הילף ביי א גרויסן גביר א תורה - ליב האבער, נאך לאנגע שתדלנות האט דער גביר מיט אים אפגעשמועסט, אז ער וועט קומען צו זיין הויז אין א געוויסן טאג פיר אזייגער נאכמיטאג, כדי צו באקומען א שיינע נדבה.

צוליב א אומגעראכטענע סיבה, האט הגרש"מ ערשט געקענט קומען צו דער אפוינטמענט האלב נאך דריי, ער האט אנגעקלאפט אויף דער טיר פון דעם עושר'ס הויז, און האט זיך געפריידט ווען מען האט אים אריינגענומען מיט גרויס כבוד. 'איך בין יונגערמאן פון בני ברק', האט ער זיך פארגעשטעלט, אבער ער האט זיך אנגעשטויסן אין א וואונדערליכן בליק: 'יונגערמאן פון בני ברק?', האט זיך דער גביר געוואונדערט, 'פיר אזייגער האט שוין דא געקלאפט 'יונגערמאן פון בני ברק' און גענומען די קאנווערט וואס איך האב צוגעגרייט'.

עס זעט אויס אז עס האט פאסירט א וויטאגליכע מיספארשטענדעניש. דער קאנווערט וואס איז גרייט געווען פאר הרב יונגערמאן האט מען איבערגעגעבן פאר יענעם "יונגערמאן" פון בני ברק, און וויל דער גביר האט נישט געהאט קיין אנונג ווער דער "יונגערמאן" איז געווען, איז ער געצווינגען געווען צו באפרייען הרב יונגערמאן מיט פיל א קלענערע נדבה, בלויז צוויי טויזנט דאללער.

הרב יונגערמאן האט פארלאזט דעם עושר'ס הויז מיט א שווערע געפיל, אבער ווי געזאגט, זיין אמונה איז אים בייגעשטאנען אפילו אין דער צייט נישט ווערן צובראכן, און פארזעצן זיין השתדלות פאר זיינע מוסדות. אזוי איז די ערציילונג וואס איז געשריבן אין דער קונטרס.

א שטיקל צייט דערנאך וואס די קונטרס איז ארויסגעקומען, איז דאס אנגעקומען אין די הענט פון איינעם פון די יונגעלייט וואס האט זיך באטייליגט ביי דעם 'קידוש' וואס איז פריער דערמאנט, און ווען ער האט געליינט די דערמאנטע מעשה האט ער זיך דערמאנט די מעשה וואס דער יונגערמאן האט דערציילט ביי די 'קידוש'. ער האט זיך געאיילט צו צוזאמשטעלן די פרטים און אזוי איז קלאר געווארן די מיסטעריע פון לאנגע יארן.

'יא טאקע אזוי, מיר וועלן נאכאמאל זען די גרויסקייט פון כח התפילה וואס קומט פון די טיפענישן פון די הארץ, וואס קען אויפרודערן די גאנצע טבע און פירן הימלישע חשבונות ביז מען קומט אן צו א וואונדערליכע ישועה.

'ווי העמודים והשוקיהם', חי"ז סי' ב

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## ענטפערן אמן נאך די וואס זענען פטור מן המצוות

**א. ווער עס איז א אונן, ענטפערט נישט אמן אויף א ברכה פון אנדערע, און עס זענען דא וואס זאגן אז אויב ער וויל מחמיר זיין און ענטפערן אמן אויף די ברכות, מעג ער.**

מקורות וביאורים:

א מענטש וואס איינער פון די זיבן קרובים וואס ער דארף זיך מתאבל זיין אויף זיי איז נפטר געווארן, און זענען נאכנישט באערדיגט געווארן, ווערט ער אנגערופן א 'אונן', און איז פטור פון אלע מצוות. די ראשונים קריגן זיך צי דער אונן מעג מחמיר זיין אויף זיך און מקיים זיין מצוות וואס ער איז פטור: לויט רש"י (ברכות יז א ד"ה ואינו) מעג דער אונן מחמיר זיין, אבער תוספות (שם ד"ה ואינו, ע"פ ירושלמי ברכות ג א) קריגן זיך און האלטן אז דער אונן טאר נישט מקיים זיין מצוות ביז נאך די קבורה, און אזוי איז די הלכה (ראה: שלחן ערוך יו"ד שמא א; שו"ע הרב או"ח עא א; פרי מגדים או"ח משב"ז תרע ה; משנה ברורה שם יב).

אין ירושלמי (שם) ווערן געברענגט צוויי דעות אין דער פטור פון דער אונן פון מצוות. לויט איין דעה דער יסוד פון דער פטור איז צוליב די מצוה פון 'כבוד המת', וואס איז מחייב די אלע וואס דארפן זיך מתאבל זיין אויף אים ['שבעה קרובים'], נישט מסיח דעת זיין פון דער מת ביז נאכן באערדיגן [אן זיין פארבינדן מיטן זיך באשעפטיגן מיט די פארשידענע צרכי הקבורה]. לויט די דעה פארשטייט מען פארוואס דער אונן איז פטור אויך פון אזא גרינגע מצוה ווי ענטפערן אמן, ווייל דאס איז גורם צו היסח הדעת. לויט די צווייטע דעה דער יסוד פון דער פטור פון דער אונן איז צוליב די מצוה פון 'קבורת המת' וואס ליגט אויף אים. לויט די דעה איז דער אונן פטור פון ענטפערן אמן, כאטש דאס עצם ענטפערן איז נישט מבטל דאס באשעפטיגן מיט די מת, ווייל כדי צו ענטפערן ווי עס דארף צו זיין דארף ער זיך אפשטעלן פון זיין ארבעט און הערן די ברכה כדי צו וויסן אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט אמן, עס זאל נישט זיין א 'אמן יתומה' (תוספות מו"ק כג ב ד"ה ואין; שו"ע הרב שם).

•

**ב. א אונן וואס האט געזאגט א ברכה - ענטפערט מען נישט אמן אויף זיין ברכה.**

מקורות וביאורים:

אין 'מנחת שלמה' (ח"א סי' צא אות ה) איז גע'פסק'נט געבויעט אויף א תוספות (מו"ק כג ב ד"ה ואין, בשם ירושלמי ברכות ג א), מען זאל נישט ענטפערן אמן אויף א ברכה וואס א אונן זאגט. און אין די חידושי כת"י ישן אויף מסכת מו"ק לייגט צו הגרש"ז און ערקלערט אז וויבאלד א אונן איז פטור פון צו זאגן א ברכה, ווערט זיין ברכה גערעכנט ווי א 'ברכה לבטלה' וואס מען מעג נישט ענטפערן אויף דעם ('שולחן שלמה' ערכי רפואה ח"א עמ' קלז).

•

**ג. מען דארף אריינטראכטן איינער וואס איז מחויב זיך באשעפטיגן מיט הצלת נפשות, און אין די צייט איז ער פטור מכל הברכות, און ער האט א טעות און איז מחמיר אויף זיך צו זאגן א ברכה, צי מען מעג ענטפערן נאך אים אמן.**

מקורות וביאורים:

דער 'מנחת שלמה' (שם) איז זיך מסתפק אין די הלכה, און די צדדים פון דער ספק איז: פון איין זייט קען מען זאגן אז מסיח דעת זיין פון הצלת נפשות כדי צו זאגן א ברכה, איז הארבער פון מסיח דעת זיין פון א אונן וואס איז צוליב כבוד המת, און אויב אויף א ברכה פון א אונן ענטפערט מען נישט אמן, על אחת כמה וכמה אויף א ברכה פון איינער וואס איז עוסק אין הצלת נפשות. פון די צווייטע זייט קען מען זאגן אז פאר א אונן האבן די חכמים קובע געווען א באזונדערן פטור, און צוליב דעם דווקא א ברכה פון א אונן ווערט גערעכנט ווי א ברכה לבטלה וואס מען מעג נישט ענטפערן אויף דעם אמן. און אין 'שולחן שלמה' (שם) ברענגט ער אז אין א אלטע כתב יד אויף מסכת מועד קטן בלייבט הגרש"ז אז נאר אויף א ברכה פון א אונן ענטפערט מען נישט אמן, אבער אויף א ברכה פון איינער וואס איז עוסק אין הצלת נפשות, זאל מען ענטפערן אמן. און שרייבט דארט אז אפילו "א דאקטער וואס לאזט אפ דעם קראנקן [אינמיטן באהאנדלונג] און בענטשט ברכת המזון, כאטש דאס איז זיכער א עבירה און ער ווערט אנגערופן רוצח, פון דעסוועגן ווערט עס נישט גערעכנט א ברכה לבטלה און מען ענטפערט יא אמן".

# גדול העונה

פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן



**הגאון הגדול רבי ברוך מרדכי אזרחי שליט"א**
ראש ישיבת 'עטרת ישראל'

ענטפערן אמן און אירע ענינים זענען רחבים מני ים. יסודות הלכה און אסאך סודות זענען געזאגט געווארן אויף דעם דורך אונזערע רבי'ס, וואס פון אלעמען קענען מיר פארשטיין אז מיר האבן א געוואלדיגע זכות דאס וואס מען האט אונז מזכה געווען מן השמים צו לויבן און דאנקען אונזער באשעפער דורך ענטפערן אמן.

אין די ווארט 'אמן' וואס איז פאר אונז נתגלה געווארן דורך די חז"ל ליגט אסאך טיפקייט. די גמרא אין מסכת שבועות (לו א) זאגט אז אמן האט דריי באדייטן: "בו שבועה, בו קבלת דברים. בו האמנת דברים".

אבער די אמת איז אז איר באדייט איז נישט נאר די דריי באדייטן, ווייל די אמן ברענגט ארויס די גאנצע אינהאלט פון דער מברך; די קליינע ווארט נעמט אריין אין זיך, אויך די אמונה - אז די ווערטער זאל מען גלייבן, אויך די גלוסטעניש און בטחון אז די בקשה וועט ערפילט ווערן, אז די בורא עולם הערט און וועט ערפילן די בקשות.

אמן איז נישט נאר א חלק פון די ברכה, נאר דאס איז ווי זאגן ממש די גאנצע ברכה, אזוי ווייט אז מיר טרעפן אז שבת קען מען משלים זיין די מאה ברכות דורך ענטפערן אמן אויף די ברכות פון די וואס זענען עולה לתורה (שו"ע או"ח רפד ג).

און דערצו, ענטפערן אמן איז טייל פון דער מצב און אויסקוק פון תפילה בציבור - ווען עס זענען דא צען מענטשן און איינער פון זיי איז דער שליח ציבור און אלע ענטפערן אמן, איז דאס תפילה בציבור.

אבער מען דארף אריינטראכטן און פארשטיין אז די אמן שטייט נישט אליינס, נאר עס באשטעטיגט די ווערטער פון דער מברך. א מענטש וואס ווארפט ארויס א אמן פון זיין מויל און ווייסט נישט אויף וואס ער האט געענטפערט, נישט נאר אז ער געבט נישט צו, ער נעמט נאך אראפ, ווייל אזא אמן איז א אמן יתומה (ברכות מז א). און דאס איז צוליב דעם וואס מיר האבן געשריבן אז ס'האט נישט קיין שום באדייט פאר זיך, נאר ווען עס ווערט געזאגט אין פארבינדונג פון דער מברך.

מיר קענען דערפון אויספירן ווי חשוב איז די כוונה ביים ענטפערן אמן, אז די כוונה איז דער פאדעם וואס פארבינדט צווישן די אמן און די ברכה און געבט פארן אמן איר וואונדערליכן באדייט. לאמיר זיך אלע מחזק זיין צו ענטפערן אמן מיט כוונה, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין צוגעבן לויב און כבוד פאר אונזער באשעפער.

כינוס 'בני אמונים' אב תשע"ו

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### די אמונה איז דער מקור פון דער כח פון דער מענטש

**דער משגיח רבי ירוחם הלוי לייבאוויץ האט געזאגט:**

חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן"; לאמיר זען, פון וואנעט נעמט מען אזא שטארקער 'האמער' וואס קען עפענען די טויערן פון גן עדן? חז"ל האבן אונז אנטפלעקט, אז דער האמער, מיט וועלכן מען קען עפענען די שערי גן-עדן, איז דווקא דורך זאגן "אמן בכל כוחו", דאס הייסט: ווייל איך גלייב! "נישט צוליב חכמה און פארשטאנד, נאר דווקא ווייל איך בין מוותר אויף די הבנה - אמן! איך גלייב, איך ווייס גארנישט, איך גלייב נאר! דאס איז דער שטארקער האמער וואס קען עפענען די טויערן פון גן עדן!".

אויף די ברכה 'חונן הדעת' דארף מען נישט פארפאסן א 'מורה נבוכים'... עס פעלט אויס נאר אייןווארט - אמן, איך גלייב אן צו וויסן און אן פארשטיין! אויף 'רופא חולי עמו ישראל' דארף מען גארנישט צולייגן, נאר ענטפערן אמן - איך גלייב אז ער און נאר ער איז רופא חולי עמו ישראל!

עס קען זיין אז דאס האבן חז"ל געמיינט ווען זיי זאגן "העונה אמן **בכל כוחו**"; די אמונה פשוטה איז דער סוד פון דער כח פון דער מענטש, און דאס ברענגט צו אז דער מענטש זאל זיין שטארק ווי אייזן אן אים צו קענען רירן פון זיין מיינונג און פון זיין מצב אפילו א האר ('דעת תורה' פרשת ויצא).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

שפעת שלומים, ורוב ברכות והודאות יושפעו משמי מרום, קדם האי גברא רבא ויקירא, הנגיד הנכבד, שמן שמיא הניחו לו בקעה להתגדר בה - להפיץ ולפרסם גודל שכר עניית אמן, ומגלגלין זכות על ידי זכאי מוה"ר יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א יו"ר ארגון "בני אמונים" וב"ב לאוי"ט.

שלומכם יסגא מאוד!!!

אלס איינער וואס האט זוכה געווען צו זיין א חבר אין 'בני אמונים', דאנק איך דערמיט פאר אייך אויף די גרויסע זכות וואס איז צוגעפאלן צו מיר. כאטש די 'בני אמונים' מיטגלידער טראגן נישט קיין אידענטיפיקאציע קארט, אבער דער פאקט אז זיי זענען מקיים בהידור רב דעם פסוק "חבר אני לכל אשר יְרֵאוּךָ", און זענען מקפיד צו ענטפערן אמן, סיי בברכות השחר, סיי ביי די אנדערע ברכות פון טאג, איז דאס עדות מער ווי טויזנט עדים אז זיי זענען 'בני אמונים'.

ריכטיג טאקע אז איך שיק דעם בריוו ווייל איך וויל זיך באדאנקען און מחשיב זיין די גשמיות'דיגע זכיה וואס איך האב זוכה געווען ביי די גורל וואס די ארגאניזאציע האט געטון, און איך האב געוואונען א היפשע סומע געלט, אבער דער אמת איז אז איך בין פיל מער מחויב צו דאנקען אויף דעם רוחניות'דיגן געווינס צו וואס איך בין זוכה יעדן טאג, יעדע שעה, ביי יעדע ברכה און ברכה. איך וויל נישט שווער מאכן מיט מיינע ווערטער, ויותר ממה שכתוב כאן יש כאן. אשריכם ואשרי חלקכם 'מצדיקי הרבים ככוכבים'.

צוליב די חיוב פון 'הכרת הטוב' שפיר איך זיך מחויב צו דערציילן פאר אייך די אינטערעסאנטע אנטוויקלונג פון די געשעהעניש וואס האט מיך צו געברענגט זיך צו האלטן פעסט אין די הנהגה פון זאגן די ברכות השחר בחברותא, וואס קען עדות זאגן אויף די כלל, ווי גרויס איז די השפעה פון יעדער 'בן אמונים':

איך האב זוכה געווען, שוין עטליכע יאר דאוון איך שחרית יעדן אינדערפרי מיט א ספעציעלן מנין וואס איז געגרינדעט געווארן דורך א גרופע טייערע יונגעלייט וועלכע ווילן דאווענען א חסידישע דאווענען מיט ווארעמקייט און במתינות.

אין די לעצטע צוויי יאר זענען אהין אנגעקומען צוויי יונגלעך ארום עלף יאר. און מיר אלע האבן געזען ווי זייער הנהגה איז פאר זיי ווי א 'טבע שני', יעדן אינדערפרי, אן פארפעלן איין טאג, שטעלן זיי זיך אוועק איינער נעבן צווייטן צו זאגן די ברכות ב'חברותא'; איינער זאגט און דער צווייטער ענטפערט אמן, און זיין טוישן זיך.

ס'איז נישט קיין וואונדער, ווען צוליב 'קנאת סופרים' האבן אויך די עלטערע פון די מנין אנגעהויבן זיך פירן דעם גוטן מנהג, פון טאג צו טאג האבן זיך אנגעשלאסן נאך מתפללים, אז היינט צו טאג כמעט אלע מתפללים הייבן אן די תפילת שחרית מיטן זאגן די ברכות השחר און ענטפערן אמן בכוונה, אזוי ווי דער מנהג איז, ווי די גדולי הדור זאגן אז אזוי איז שוין געווען איינגעפירט אין די פריערדיגע צייטן. אזוי האב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי צוויי קינדער, 'בני אמונים', האבן מצליח געווען צו אריינברענגען דעם באגריף פון 'אמן' פאר א גאנצער און גרויסער מנין פון **צענדליגער יונגעלייט**, ויהי לפלא.

מיט א וואונטש "יפוצו מעיינותיכם חוצה"

**מ.א.ב** - נתניה

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער 'דברי ישראל' פון מאדזיץ

### דער 'דברי ישראל' פון מאדזיץ
### י"ג כסלו תרפ"א

דער ערשטער רבי פון מאדזיץ, רבי ישראל טויב, בעל 'דברי ישראל', איז געבוירן געווארן אין יאר תר"ט צו זיין גרויסער פאטער, רבי שמואל אליהו פון זוואלין, ווען זיין זיידע, זיין פאטער'ס פאטער - רבי יחזקאל פון קאזמיר לעבט נאך. שוין אין א יונגן עלטער איז ער באקאנט געווען פאר א עילוי. נאך זיין חתונה האט ער אסאך יארן געלערנט תורה טאג און נאכט, ווען זיין שווער האלט אים אויס.

נאך די פטירה פון זיין פאטער אין יאר תרמ"ח איז ער אריבער קיין זוואלין ממלא מקום זיין אויף זיין פאטער'ס ארט. א יאר שפעטער האט ער אנגעהויבן דינען אלס רב ואב"ד אין דער שטאט איוואנגראד [היינט דעמבלין] וואס ווערט אנגערופן צווישן די חסידים - מאדזיץ. זייענדיג אין מאדזיץ, איז די חסידות זיך צוואקסן און צובליהט און פון אלע עקן פון פולין איז מען געקומען צו פארן.

דער 'דברי ישראל' איז געווען געשאנקען מיט א זעלטענעם מוזיקאלישן טאלאנט, און פיל פון זיינע ניגונים זענען פארשפרייט געווארן צווישן כלל ישראל. אין יאר תרע"ג איז ער אריבער א אפעראציע אויפן פוס צוליב די 'צוקער' קראנקהייט, און בשעת די אפעראציע, אנשטאט אים איינשלעפן האט ער פארפאסט זיין באקאנטן ניגון 'אזכרה', און צוליב זיין געוואלדיגע דביקות האט ער נישט געפילט ווי די מעסער שניידט אין זיין פלייש.

אויף די עלטער האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין ווארשא, און דארט איז ער נסתלק געווארן י"ג כסלו תרפ"א און איז באערדיגט געווארן אויף דעם אידישן בית החיים.

### דריי ענינים פון אמן אין איין בקשה

די בקשה "הרחמן הוא יברך..." וואס ווערט געזאגט ביי די ענדע פון ברכת המזון, ענדיגט זיך מיט די ווערטער: "כן יברך אותנו כולנו יחד בברכה שלמה ונאמר אמן", בעל 'דברי ישראל פון מאדזיץ' ערקלערט די ווערטער אויף דריי וועגן, וואס ברענגען ארויס דריי פארשידענע חשובע ענינים איבער די מצוה פון ענטפערן אמן:

**א.** עס שטייט אין זהר הק' (וילך רפה ב) די גרויסע שפע און שערי ברכה וואס עפענען זיך אין זכות פון ענטפערן אמן בכוונה; "כן יברך אותנו כולנו יחד בברכה שלמה" אין זכות פון מקפיד זיין אויף "ונאמר אמן" בכוונה.

**ב.** נאך איז מרומז דא וואס עס שטייט אין זהר הק' (עקב רעא א) אז ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה און איז משלים די ברכה; ווען וועט זיין די ברכה א "ברכה שלמה"? נאר ווען "נֹאמר אמן" נאך נאכדעם.

**ג.** אזוי אויך איז דא מרומז די הלכה אז מען דארף ווארטן פון צו ענטפערן אמן ביז די ענדע פון די ברכה, און עס נישט אפכאפן און ענטפערן בעפאר דער מברך ענדיגט זיין ברכה (שו"ע או"ח קקכד ח); ווארט צו ביז עס וועט זיין "ברכה שלימה" - דער מברך זאל פארענדיגן די ברכה, און נאר דעמאלט "ונאמר אמן" ('דברי ישראל' פרשת נח).